STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY

NO. 05757

MAYN HARTS-RAYZE

L. Olitsky

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ל. אליצקי

*

מיין הארץ־רייזע

ל. אָלעצקי

מיין האַרבסט־רייס

ישראל ־ לידער

פאַרלאַג
י. ל. פּרץ
ישראל
1960

L. OLITZKY / MEIN HARTZ-REIZE

Publishing-House I. L. Peretz
31 Allenby Str., Tel-Aviv, Israel

ל. אָליצקי / מיין האַרץ־רייזע / לידער
פאַרלאַג י. ל. פרץ, תל־אביב

©

נדפס בישראל
Printed in Israel 1960

דפוס „אורלי", יסוד־המעלה 27, ת"א, טל. 32062

רב שלמה אהרן אָליצקי, זכרונו לברכה,
דער ראַטנער זיידע פון די טריסקער אייניקלעך, די דיכטער



ברוך אַליצקי

— אומגעבראַכט מיט פרוי און בן־יחידל דורך די נאַצי־רשעים,
מאַטעס אַליצקי — לערער אין יידישע שולן אין ניו־יאָרק,
לייבל אַליצקי — אין ישראל.

* * *

אין יאָר 1946, אומגעקערט זיך פון ראַטנפאַרבאַנד קיין לאָדזש, האָט מיך דער קעלצער פּאָגראָם אַ טרייב געטאָן, און מיינע זכרונות פון די קינדעריאָרן אַ צי געטאָן — קיין ארץ־ישראל.

כ׳האָב דעמאָלט אָנגעשריבן און פאַרעפנטלעכט דאָס ליד, מיט וועלכן ס׳הייבט זיך אָן דאָס פאָרליגנדיקע בוך „אין מיין מלמדס ניגון". פון דעמאָלט דאַטירן זיך מיינע איבערזעצונגען פון חיים נחמן ביאַליק.

אָבער מיינער אַ פריינד, צו וועלכן כ׳האָב זיך געוואָנדן מיט אַן אָנפראַגע, האָט מיר אין זיין ענטפער געגעבן — אָנשטאָט אַן ארץ־ישראלדיק — אַ קאַפּוליער אָנצוהערעניש: בלייב זיצן ווו דו זיצסט. בין איך געבליבן.

צי איז עס גוט אַזוי געשען? איך מיין, אַז יאָ. דער קליינער יידישער ישוב אין פוילן, אין זיין גרויליקער עלנטקייט און פאַריתומטקייט נאָכן אומקום פון אַלע זיינע נאָענטסטע, האָט זיך זעליש געניטיקט אין אַ יידישן שרייבער, אין זיין שעפעריש געדרוקט און לעבעדיק וואָרט. און ס׳איז געווען דער חוב פון דעם יידישן שרייבער מיט אים צו בלייבן. מיר ווילט זיך טראַכטן, אַז איך האָב אין פוילן געטאָן אַ גוטע, נוצלעכע אַרבעט פאַר דער יידישער און אויך, ווי אַן איבערזעצער, פאַר דער העברעישער ליטעראַטור.

ס׳איז געווען דעם שרייבערס חוב, ביז —

ס׳וועט ווערן באַשיינפּערלעך, אַז דער ישוב צע־ברעקלט זיך, צעמאָלט זיך און צעשיט זיך ווי זאַמד דורך אַ רעשעטע, וואָס ווערט געטרייסלט פון פיינט־לעכע שטאַרקע הענט...

די דאָזיקע צייט פאַר דעם ישוב, וואָס איז געבויט אויף גלותדיקן זאַמד, איז געקומען.

אין יאָר 1959 בין איך פאַרבעטן געוואָרן דורך דער „אגודת הסופרים העברים״ צו קומען קיין ישראל ווי אַ גאַסט. געניסנדיק פון גרויסער אברהם־אבינושער גאַסטפריינדלעכקייט, האָב איך געוויילט אין לאַנד אַ חודש צייט, געזען אַ ביסל דאָס לאַנד און די מענטשן.

דער רעזולטאַט פון מיינע „היינו כחולמים״־איבער־לעבענישן איז געווען:

מיין קומען אַהער אין אַ קנאַפּ יאָר שפּעטער מיט מיין פאַמיליע להשתקע און נאָך אַ קלייניקייט: דאָס פאַרליגנדיקע בוך, וואָס כ׳האָב אָנגעשריבן אין וואַרשע, זיך גרייטנדיק צו מיין „שיבת ציון״, און עס פאַרענ־דיקט מיט פיר לידער, געשריבענע שוין אין ישראל.

אין מיטן פון מיינע חבלי־קליטה זאָג איך ביי דער געלעגנהייט פון צוטראָגן דעם יידישן לייענער מיינע באַשיידענע ישראל־ביכורים:

זיי געבענטשט, מיין לאַנד, אונדזער לאַנד!

און איך הער אין גרויסער פרייד, ווי מיין פרוי און אונדזער בן־יחיד שלמהלע, וועלכע רעדן שוין אַ וואָרט עברית, זאָגן נאָך מיין ברכה:

אמן!

תל־אביב, אויגוסט 1960 — דער אויטאָר

אין מיין מלמדס ניגון

„קול ברמה נשמע נהי בכי תמרורים רחל מבכה
על בניה״ (ירמיהו ל״א, י״ד)

...דו ביסט נאָך אין מיין קינדהייט אויפגעגאַנגען
אין מיין מלמדס ניגון, האָסט געפאַנגען
מיין קינדעריש געמיט. כ׳בין אויסגעגאַנגען

זיך צוצוטוליען צו דער מאַמע רחלס שוים —
די מאַמע רחל, וואָס איר תפילה גיסט זיך אויס

אויף דיינע זאַמדן שטיל מיט בלויע טרערן;
צי בלויט מיט זיי דאָס זאַמד, צי גאָר מיט שטערן?
ווייל איך און אויך די וויסטע זאַמדן הערן —

דער הימל ענטפערט אירע תפילהדיקע הענט,
וואָס הייבן זיך ווי טויבן צו דעם שטערנבלענד:

— איך האָב דעם ציטער פון דיין קול פאַרנומען.
אין מיר די שכינה, ווי אַ טויב טוט ברומען —
„צוריק צו דיר די קינדער וועלן קומען...״ —

און שטערן פאַלן, צינדן פלעמלעך אינעם זאַמד.
אַ בלויע שיין אַנטבלויזט אַרום דאָס וויסטע לאַנד.

איך זיץ נישט אויף דער באַנק, און נישט איך לערן.
איך פיל אויף זיך דער מאַמע רחלס טרערן
און שפיל זיך אינעם זאַמד מיט אירע שטערן.

לאָדזש, 1947

רעליקוויעס

סאָנעטן

א

מיין זיידע יעקב מאיר

מיין זיידע יעקב מאיר איז געווען אַן עושר,
נאָר האָט נישט קיינמאָל געשטאָלצירט דערמיט פאַר לייט;
בלויז אונדז מיט שטאָלץ פלעגט ווייזן אין אַ שעת־הכושר
זיין שקל פון יהודה המכבים צייט...

אין זיינע וואָנצעס טליעט שטאָלץ, נאָר מילד, אַ שמייכל,
אַ פרומקייט זאַלבט, ווי בוימל, זיין געזיכט;
און מיר, די חדר־ייִנגלעך, זעען אים... אין היכל
פאַר דער מנורה אָנצינדן די זיבן ליכט...

אַקעגן פלאַם פון פריפּעטשיק די באָבע פּינע,
פון פרייד צעשטראַלט און פרום, ווי מורמלענדיק אַ תחינה,
פאַרגעסט גאָר אין דער מילך וואָס ברײט זיך אין דער פאַן;

און ווען די מילך לויפט אויס מיט אַ געציש און צאָרן —
ווי ס׳וואָלט די באָבע בייז אפילו נישט געוואָרן,
פאַרפּאַטשט די הענט: „אוי, ליכטיק איז מיין וועלט! מיין מאַן!...״

ב

רב ברוך, אונדזער עלטער־זיידע

רב ברוך, אונדזער עלטער־זיידע, האָט ביי אונדז דערלעבט זיין לעבן ;
סע האָט אַ טאַביק־טרער געציטערט תמיד אויף זיין נאָז...
מיר פלעגן פאַר זיין אַלקער־טיר פאַרבייגיין שטיל, ווי שוועבן,
פאַרקלערטע וועגן זיין צעניגונט־טרויעריקן חצות...

די מאַמע מורמלט : „אויפן חורבן קלאָגט ער... אין תכריכים...
ער בעט ביי גאָט משיחן צו שיקן... העכסטע צייט...
צום הימל טראָגן זיין געבעט, דעם זיידנס, גאָטס שליחים...
נאָר ביז צום כס־הכבוד, קינדערלעך, איז ז־יי־יי־ער ווייט..."

דער זיידע וויזט אַמאָל — „אַ זעקעלע מיט מעל" פאַרמאָגט ער :
„ס'איז ארץ־ישראל־ערד, אַ שיצונג פאַר די ווערעם, — זאָגט ער —
מיין טאַטן וועט דאָס זיין מיין לעצטער כיבוד און געשאַנק..."

אונדז, אייניקלעך, נעמט נאָגן ווי אַ וואָרעם דער געדאַנק :
„דער עלטערזיידע וועט איינגיכן זיך מיט אונדז צעשיידן..."
און אויף דער וואַנדער־ערד גייט אויף אַ קנאה צו זיי ביידן.

תל־אביב—וואַרשע, מערץ־אַפּריל 1959

„מיר גייען דאָך אַהיים!...״

סאָנעט

„איך פֿאַרלאָז דער לעצטער ייִד אונדזער געבוירנ־
שטעטל, טריסק״ (פֿון אַ בריוו)

מיין שטעטל וויינט אַריין אין מיר דורך די שפּאַרונעס
פון מיין צעלעכצטן און פאַראומערטן געמיט;
סע שפּילט מיר אוים אַ קלאָג אויף שוואַרצע קינה־סטרונעס:
„שוין אויסגערייכערט זיך פון מיר דער לעצטער ייד...

פון כלות־הנפש נאָך אַ יידן האָט דער באָדן
פון מיין בית־עלמין אויפגעריסן זיך אַליין,
און דאָס געביין, מיט פלייש און ווערעם נישט באַלאָדן,
האָט לייכט אין וועג אַריין געלאָזט זיך גיין...

סע גייט אין זונשיין, אין לבנה־שיין — מעת־לעתן,
אין מיר, דעם אַלטן ווינאַרט, ווי אין טויט פאַרגעסן...״
זיי לעכצן, קוקן זיך די אויגן־היילן אוים...

צי זע איך נישט די זיידעס, אַלע, אַלע מיינע?
און אין די אויגן זייערע אַ פלאַם — אַ טענה:
„מיר גייען דאָך אַהיים!... וואָס קומסטו נישט אַרוים?!...״

תל־אביב—וואַרשע, מערץ־אַפּריל 1959

אַרויספלי

פאַרגליווערט הענגט דער עראָפּלאַן,
איך גיי צו אים מיט וואַכן שפּאַן.

מיין טרוים מיט אויפגעוואַכטע פליגל,
מיט פרישן קרייזנדיקן בלוט
זיך טוט אַ דריי אַ כישוף־עיגול
און פלאַטערט אויף. איך פלי מיט מוט.

אומזיסט מיך שרעקט דער תהום — די נידער.
סע זינגען אַלע מיינע גלידער

דאָס ליד פון בענקשאַפט נאָכן לאַנד
פון מיינע יינגסטע „חדר"־יאָרן,
וואָס כ'האָב עס — ווינד־און־ווי און שאַנד! —
אין פרעמדע שטויבן אָנגעוואָרן.

ערשט ביי מיין לעבנס־ראַנד, — מיין טרוים
אויף לייכטע פליגל טראָגט אין רוים

מיין האַרץ, וואָס פלאַטערט נאָך אין גלויבן
און אונטער אַש נישט לעשט זיך אויס...
פון אונטן — וואַלקנס, זון — פון אויבן,
און אינדערמיט — מיין פליגל־רויש.

איך זוך אַ יידן צווישן שכנים,
נאָר כ'זע בלויז זיך — זיך איינעם.

תל־אביב—וואַרשע, מערץ־אַפּריל 1959

אין וועג

ווי איינזאַם ס'פילט זיך עס אַליין אַ ייד,
קוים טראָגט ער נישט אין האַרץ זיין מאַמעס ליד,

וואָס זיין מעלאָדיע תמיד אים באַגלייט,
ביז ער זיך מיטן לעבן נישט צעשיידט.

ווען ס'לאָזט אים נישט די איינזאַמקייט צו־רו,
ער גייט אַריין אין זיך און מאַכט די אויגן צו,

און הערט זיין מאַמעס ניגונדיקע שטים,
און פילט: סע איז דאָס גאַנצע פאָלק מיט אים.

איך האָב אַזעלכן אומגעריכט דערזען,
ערשט קומענדיק צו פליען קיין אַטען:

ער זיצט, די אויגן צוגעמאַכט, אַליין,
אָט ווי סע וואַקסט אין פעלד אַ גרויער שטיין.

נאָר שאַ־נאָר, הער! — ער ניגונט מיט געפיל...
און ס'פאַלט מיר איין, און כ'טו אַ מורמל שטיל:

„נישט שווין זשע „עמך"? „עמך" — טוט אַ פאַל
צוריק אַ העלער עכאָ, ווי אַ שטראַל.

ער עפנט ברייט די אויגן, און אין זיי —
אַ גלי אַ יידישער, אַ פרייד־געשריי.

צעשמייכלטע מיר געבן זיך די הענט, —
די איינזאַמקייט צעפאַלט און ווערט פאַרלענדט.

מיר נעמען רעדן יידישלעך אויף יידיש,
און ס׳קוקט אויף אונדז אַ... דריטער ייד מיט חידוש.

תל־אביב—וואַרשע, מערץ־אַפּריל 1959

ערשטער קבלת־פּנים

איך בין אַוודאי ווערט געווען אַ רוט,
וואָס זאָל פֿאַרשאַפֿן מיר נאָך מערער וויי...
סע האָט מיט רעגן מיך באַגעגנט לוד,
ירושלים — מיט אַ שטורעם שניי.

איך האָב געבעטן: „רעגן, וואַש מיך וואַש,
דעם שטויב פֿון מיינע גלידער שווענק אַראָפּ.
אַ, שניי דו בלענדיקער, פֿאַרדעק דאָס אַש
פֿון געטאָ, וואָס האָט גרוי געמאַכט מיין קאָפּ".

די פֿייכטע קעלט געקומען איז צו גיין
צו מיין געלעגער ווי אַ בייזע שטראָף,
סע האָט דער שניי מיט פֿראָסטיק־שאַרפֿע ציין
געגריזשעט דעם גרגרת פֿון מיין שלאָף.

איך האָב געוויינט אין שלאָף און זיך דערמאַנט:
די מאַמע האָט געצוואָגן מיך ביגוואַלד,
כ'האָב פֿיינלעך זיך געריסן פֿון איר האַנט,
דערנאָך... האָט זיך מיין פּנימל צעשטראַלט.

זיך אויפֿגעכאַפּט — די שויבן גלאָצן שוואַרץ...
פֿונוואַנען זשע דער שיינסנאָפּ אין מיין בליק?
די זון גייט שטראַליק אויף... ביי מיר אין האַרץ,
מיין טויטע מאַמע ווינטשט: זאָל זיין מיט גליק.

און ס׳דרינגט מיין שטראַלן־בליק צו זיך אין גוף
און זעט: סע פינקלען שפּריצלעך זון אין בלוט;
איך הער פון דורותדיקער ווייט אַ רוף:
מיר ווינטשן דיר אַ שפע נחשונס* מוט.

ס׳ברילט בייז אויף מיר אַ לייב — דער ים אין זאַט —
דורך טירן־פענצטער־שפּאַרעס פון האָטעל,
נאָר שמשון, זע איך, קוקט אויף אים מיט שפּאַט,
באַצווינגט אים, גלעטנדיק זיין פעל.

תל־אביב—וואַרשע, מערץ־אַפּריל 1959

---

* לויט דער אגדה איז נחשון בן עמינדב, נשיא פון שבט יהודה, דער ערשטער אַריינגעשפּרונגען אין ים־סוף, ווען די יידן זענען אַנטלאָפן פאַר די מצרים.

אין האָטעל „נרקיס״ *

אַ יעדן מאָרגן פון דעם שלאָף מיך רייסט אַרויס
אַ פרישער טומל פונעם שכנותדיקן הויז,

וואָס הייבט זיך קעגן פענצטער מיינעם אין געבוי.
די ערשטע רגע צאַפּל אויף איך מיט אַן „אוי!״.

וואָס וויל מען דאָ פון מיר? וואָס רויבט מען דאָ מיין שלאָף?
צי דאַרף מען נישט קיין אורח לאָזן סוף־כל־סוף

זיך אויסרוען געהעריק? איך וועל שרייען: „גוואַלד!״
נאָר אָט גייט אויף אין מיר די זון, און באַלד

זיך פּלאָנטערט אויס פון זיין געפּלאָנטערניש מיין קאָפּ,
און כ׳טו מיט אימפּעט פון מיין בעט אַ שפּרונג אַראָפּ,

און כ׳שטיי שוין אין דער רעם פון טיר וואָס כ׳האָב צעפּראַלט:
פון הימל, צי פון מיר אַליין די זון איצט שטראַלט?

צי גאָר — די אַרבעט אויף די שטייגנדיקע ווענט,
וואָס וואַקסן פאַר די אויגן, גלייך ווי זונשיין ברענט?

הייבט אויף אַ מויערער זיין פעסטע פלינקע האַנט,
דערפיל איך — דאָס באַגריסט עס מיך דאָס יונגע לאַנד:

„אויף מיר אַ קוק טאָן בלויז דו ביסט געקומען... מאַ,
איז קוק, מיין זון... אויך דיר איך זאָג „באַרוך האַבאַ!״

---

* נאַרציז.

מיט דער־אָ ברכה כ׳גיי אַוועק פון מיין האָטעל;
זי וועט דעם גאַנצן טאָג מיר וואַרעמען מיין זעל;

אין איר זיך אויספּיקן אַ טויב — אַ תּפילה וועט:
„אויך מאָרגן זאָל דער טומל רייסן מיך פון בעט...״

— — — — — — — — —

דעם אָנדענק פון האָטעל ביים ברעג פון ים — „נרקיס״ —
כ׳וועל אייביק טראָגן אין געמיט ווי אַ נאַרציז...

תל־אביב—וואַרשע, מערץ־אַפּריל 1959

אין תל־אביב

איך פרעג אַן איינוווינער פון תל־אביב,
פאַרוואָס ער ליבט זי אַן אַנטציקטער?
ער ענטפערט מיר צעשמייכלט בלאָס: „חביב",
און מיט אַ שטילן אומעט בליקט ער:

„זי איז, אַנשטאָט „אַ שטאָט פון יודען ריין",
„אַ שטאָט פון ריין און לויטער יידן", —
איז זי מיר האַרציק שוין דערמיט אַליין,
אַ היילונג פאַר מיין האַרץ דעם מידן..."

כ׳פאַרשטיי זיין בלאַסן שמייכל און פיל מיט
זיין אומעט וואָס ער וויל פאַרבאָרגן:
מע האָט אין האַרץ פון אָט דעם מענטש און ייד
דעם גלויבן אין דעם מענטש דערוואָרגן...

תל־אביב—וואַרשע, מערץ־אַפּריל 1959

איו בית ביאליק

אין בית ביאליק

סאָנעטן

א

מיר גייען — צווויי דיכטער — באַזוכן דאָס הויז,
פאַרנייגן די קעפּ פאַר זיין ליכטיקער שוועל.
ס׳טראָגט יעדער זיין האַרץ אים — אַ פלאַמיקע רויז,
און ס׳בלוט אין די אָדערן כוואַליעט זיך שנעל.

מיר קומען אַריין און דעראַנען: זיין זעל —
די פליגל צעשפּרייט ווי אַ טויב אין געשוועב —
הענגט ווייך אין דער לופט איבער אונדזערע קעפּ,
שטראַלט-דורך אונדזער האַרץ מיט אַ בלענדיקן העל.

אונדז דאַכט זיך: מיר שטייגן אויף לופטיקע טרעפּ,
מיר ווען דערגיין צו אַ באַרגיקן שפּיץ,
וואָס ציטערט אין דונער, באַלויכטן פון בליץ...

אָט שטייט ער, פאַרבליקט אין אַ כוואַליע פון קעפּ,
און ס׳גליט אויף זיין ליפּ דאָס נביאישע וואָרט — —
די שיך וואַרפט אַראָפּ, ווייל ס׳איז הייליק דאָס אָרט!

ב

דאָ זיצן יוגנטלעכע. לייענען, שטודירן.
מע הערט אַן אָטמען בלויז, אַ שאָרכען פֿון אַ בלאַט.
אַ לערערין אַ כיתה שילער ברענגט צו פֿירן.
אַ לעבעדיקער רויש... — זייט שטילער, קינדער, שאַט. —

זיי שטייען איינגעהאָרכט, אַ וואָרט נישט צו פֿאַרלירן,
ווי שאָף אַרום אַ פּאַסטעך... ווער איז עס דער מאַן,
וואָס וועגן ביאַליקן דערציילט אַזוי? זיי שפּירן:
זיי גייען נאָך ערשט דעם משורר שפּאַן נאָך שפּאַן...

— און וואָסער שיר האָט ע ר געשאַפֿן דאַן־און־דאַן? —
דער פּאַסטעך נעמט פֿון צייט צו צייט זיי אויספּרובירן.
די קינדער שווינגען־אויף די הענט; אין די געהירן

צעבליצן זיך די שורות פֿון באַליבטע שירים;
און איינער כאַפּט אַרויס דאָס וואָרט פֿון צוויטנס מויל,
ווי פֿון אַ שייטערהויפֿן אַ צעגליטע קויל...

ג

אויך מיר, די דיכטער, אין גערדיכטעניש פון קינדער,
פאַרכאַפּט און איינגעהאָרכט-פאַרגאַפּט, מיר שלייכן מיט,
ווי אין אַ שעפּסן-טשערעדע אַ פּאָרל רינדער — —
דער פירער צייגט רעליקוויעס... דער אָטעם גליט.

ווי אין משוררס לעבנסגאַנג ער איז געניט!
ווי לייכט געשעעניש שיילט אַרויס ער! שיילט ער,
און ביז זיין לעצטן אָטעמצי אין ווין דערציילט ער.
מען זעט: דעם מלאָכס חלף טוט אַ בלענד, אַ שניט...

דער נביא גוססט... ס'ציטערט אים אַ ליפּ... און בלויז
צוויי ווערטער יידישע: „מיין... האַרץ...״ ער זיפצט אַרויס.
און אין די קינדערס קעלן בלייבט דער אָטעם שטעקן,

די פּנימער זיך צינדן אָן מיט רויזנפלעקן..
און מיר, די דיכטער, ס'הויז פאַרלאָזן זאַלבעדריט:
מירביידע — אין די זייטן, ביאַליק — אין דערמיט.

ד

און איבער גאַסן תל־אביבער מיר אַזוי שפּאַצירן.
מיר שווייגן דרך־ארצדיק, און ביאַליק רעדט... רעדט יידיש.
„זיי שטומען!...״ — טראַכט זיך אפשר אַ פאַרבייגייער מיט חידוש.
נאָר גיי אַנטפּלעק דעם סוד: מיר ביאַליקן געאָרעמט פירן!

ווי ס׳וואָלטן זיך געטאָן עס אַ צעפּראַל די פענצטער־טירן!
פון אַלע זייטן וואָלט דאָס פאָלק פאַרבעטן: „קומט אויף קידוש!״...
אין רויש פון גאַס מיר ציטערן אַ וואָרט זיינס צו פאַרלירן,
ווייל ערטערווייז דער טומל איז אַ ביסעלע יאַרידיש,

און כאָטש ער רעדט דאָך אויף אַ קול, באַקומט זיך בלויז אַ פליסטער.
אַפּנים ער געדענקט נישט, ביאַליק, אַז ער איז אַ נסתר,
ווייל ערנסט זאָגט ער אונדז: — מע מעג שוין רעדן ביי אונדז יידיש...

מיט צוויי לשונות קאָנען מיר זיך אויסלעבן נגידיש...
נאָר כ׳האָב שוין נישט פון מיינע קיינעם... אויך דער ווילדער שניאור,
דער אָדלער, בריט נישט אוים שוין מער קיין דימענטענע אייער...

ה

מיר האַלטן אָפֿן, ווי אַ צדקה־פּושקע, דאָס געהער
פֿאַר פּערל־שימער וואָס פֿון זיינע וואָנצעס שיט זיך אָפּ.
ער שמייכלט צו מיין חברס טיף־אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ:
— האָסט אָפּגעטער געדינט... נאָר ס׳וועט נישט זיין קיין שטער,

ווייל אויפֿן שייטערהויפֿן פֿון דיין הייליקן באַגער
צום פֿאָלק זיך אומצוקערן ווערט פֿאַרברענט אויף אַש דיין זינד...
דאָס פֿאָלק אַליין אַ קאַלב האָט דאָך געגאָסן, אים געדינט...
מיין זון, דו וויינסט? די ערד פֿון אונדזער לאַנד נעמט אויף דיין טרער,

אַ מלאך וועט זי אויסגראָבן פֿון דאָרט — אַ פּערל שוין —
און איינפֿאַסן אין גינגאָלד פֿון דער מאַמע־שכינהס קרוין,
און ס׳וועט איר שטראַלונג אויפֿגיין פֿון דיין אויסגעבענקטן ליד...

נו, גיי אַהיים לשלום צו דיין ווייב און קינד... ביסט מיד... —
און ס׳האָט מיין חבר אָנגעשטעלט אויף אונדז צעהעלט זיין בליק
און שטיל געזאָגט: „שאַלאָם!" און ביאַליק ווינטשעוועט:
„מיט גליק!"

ו

„און איצטער קום, געטרייער שותף פון אַ טינט-געשעפט.
מיט פעטע וועקסלען איז אוודאי אָנגעשטאָפּט דיין טייסטער...״
— באַוויליקסט אָפּצושפּעטן פון דיין איבערזעצער, גרויסער מייסטער,
וואָס האָט זיך ווי אַ פּאַראַזיט צו דיין באַשאַף באַהעפט... —

האָב איך געענטפערט אויף זיין ווערטל-שטעכל שטיל, געפּלעפט.
„קוים שאַצט אַ מענטש זיך אָפּ געהעריק, אַלץ מיט מי באַווייזט ער,
נאָר שאַצט ער זיך דערונטער, נעמט ער בלאָנדזשען, גרייזט ער,
ווי אַ געסמטע פּייל, אַ תמימותדיקער שפּאַס אים טרעפט...״

כ'האָב ווידער שוין געשוויגן, אין די רייד זיינע פאַרטראַכט...
אין בעכער טאָג האָט אומבאַמערקט אַריינגעטריפט די נאַכט,
און צו זיין הויז מיר זענען שטילערהייט צוריקגעקומען.

ער האָט מיך אָפּגעזעגנט פריינדלעך, אַ צעשטראַלטער העל.
ביז טאָג האָב איך אין שטערנשיין געשמייכלט פאַר דער שוועל,
אַן איינגעהאָרכטער ווי אין גאָרטן בליען ביאַליקס בלומען...

וואַרשע, דעם 7־טן אַפּריל 1959

סע גרינט, סע בליט שוין...

סע גרינט, סע בליט שוין אויך אין מ יי ן לאַנד,
דאָס שטיינעריקע דורות יאָרן;
שוין ווידער, ווי פּאַרצייטנס, איז עס — שײַן־לאַנד,
ווי איינגעהיט אין פאָלקס זכרון.

ס׳גרינט אויף, ס׳בליט אויף מיין גרויע עלטער —
אַ יונגע זון באַשטראַלט איר חושך;
אַ פרישער זאַפט, ווי וויין פון קעלטער,
קוועלט אויף אין בלוט ביי מיר — כ׳באַרויש זיך.

יאָ, ווייס מיין קאָפּ, נאָר נישט פון אַלטקייט —
ס׳איז שוים פון פרייד אין מיינע גלידער;
מיין טויב געהער נעמט אויף צעשאַלטקייט
פון יונג געזאַנג און נייע לידער...

וואַרשע, מערץ, 1959

ירושלים

ירושלים

א

ירושלים,

איך האָב אין דעם געבירג, וואָס רינגלט דיך אַרום,
באַטראַכט די פעלדזן-בלאָקן איינגעקלאַמערט שטום,

פאַרביסן איינער אין דעם צווייטנס ברוסט און שוים.
אַ ווילן אַ האַרטנעקיקן זיי שטומען אוים :

מיר ווילן עקרם בלייבן, אויסגעגליט און הויל,
דעם הימל אָפּשרעקן מיט מדבּרדיקן גרויל,

אָקעגנשטעלן אונדזער קללה זיין געבענטש... —
נאָר ס'האָט מיט מי-און-שוויים באַשטיגן זיי דער מענטש ;

מיט גלי אין האַרץ-און-אויג, מיט פעסט פאַרקלעמטע ציין,
מיט מוסקלען שטאָלענע געראַנגלט זיך מיט שטיין,

געריסן אים פון אָרט און פעלדז פון פעלדז צעשיידט,
מיט קללה, וואָס איר תוך איז ברכה, זיי באַגלייט,

און ווו נאָר ער געפינט אַ זכר פון אַ שפּאַלט,
אין אים אַ ברכהדיקע זריעה ער באַהאַלט.

און אין דעם שטיינערדיקן טויט לעבט אויף אַ טרוים :
סע שפּראָצן גרעזעלעך אויף פליכן — גרינער שוים,

און אינעווייניק שפּאַרן וואָרצלען, נאָגן זאַפט
און שיקן צו די שטעמלעך אויבן שפּייז און קראַפט,

און צווייגעלעך צעצווייגלען זיך מיט קנאָספּ און בלאַט,
וואָס זויגט דעם הימלס טוי, די זון און ווערט נישט זאַט,

און שפּרייט זיך ווי אַ נעץ אַקעגן זאַמד און גלי,
ביז אונטער זיי אַ שאָטן שטעלט זיך אויף די קני...

און פעלדזן אין בהלה שטומען־שרייען: „גוואַלד!
די שאָטנס מערן זיך! ס׳וועט ווערן דאָ אַ וואַלד!" — —

יאָ, וועלדער־שאָטן וועט פאַרדעקן בראַנד־און־שאַנד
פון דיין עקרהדיקן אויפגעלעבטן לאַנד,

ירושלים!

ב

ירושלים,

איך האָב געזען דיך אַ צעבלענדטע,
נאָר נישט די אַלטע די באַקענטע —
ווייל אַ האַלבירטע און געשענדטע.

אומזיסט מיך רופט די וואַנט פון טרערן,
אומנישט זיך לאָזט אין שיין פון שטערן
דער מאַמע רחלס שטימע הערן.

...אין טרוים: איך לאָז זיך צו דער גרענעץ.
דאָ שטייט אַ וועכטער ווי אַ גענעץ.
כ׳קויף איבער אים מיט ברויט אַ פענעץ.

לעם כותל-המערבי וויין איך,
פון זיינע שטיינער בין אַ שטיין איך,
און גלייך ווי זיי ווער לויטער-ריין איך.

פון דאָרט צו רחלס קבר גיי איך,
אין שיין פון דער לבנה שטיי איך
און אָטעם אַ דודאים*-ריח.

זי קומט אַרויס אין ווייסע קליידער,
ווי כ׳זע זי יאָרנלאַנג כסדר,
פון זינט זי האָט דערשיינט אין „חדר".

מיט תפילה אין די אויגן שטייט זי,
די אָרעמס צו אַ שטערן שפרייט זי,
און מיט אַ זיפץ זיין פאָל באַגלייט זי:

---

* אַזעלכע חוילשמעקנדיקע בלימלעך, וואָס רחל האָט באַקומען פון לאהן, ווי אַ סגולה צו קינדער־האָבן.

„מ'האָט אָפּגעצוימט פון מיר די קינדער, —
איז ווער וועט טרייסטן מיך אַצינדער?
איז ווער מיין פּיין זאָל מאַכן לינדער?"

„מיין אוהל גלייך איז צו אַ בלינדן:
מען קאָן דערין קיין ליכט נישט צינדן,
ווי אַש,* זיין זעל מיט מיר צו בינדן..."

כ'שטרעק אוים די האַנט, צו איר געבויגן,
כאַפּ אויף אַ טרער פון אירע אויגן...
אַ ברי!... דער טרוים — אַוועקגעפלויגן — — —

איך האָב געזען דיך אַ צעבלענדטע,
נאָר נישט די אַלטע די באַקענטע —
ווייל אַ האַלבירטע און געשענדטע,
ירושלים!

* שלום אַש ז"ל.

ג

„אם יהיו חטאיכם כשנים, כשלג ילבינו..."
(ישעיה ב׳, י״ח)

די זון האָט נעכטן אויסגעשקיעהט רויט
און וואָלקנדלעך מיט בלוט באַפאַרבן;
זיין פאַרהאַנג האָט אַראָפּגעלאָזט דער טויט,
דער טאָג איז הינטער אים געשטאָרבן.

באַגינען האָבן ווינטן זיך צעוויגט,
גענומען באַרג-און-טאָל פאַרזייען,
זיי האָבן פאַר געלעכטער זיך געשטיקט,
געקייכט, צעשאָטן זיך אין שנייען.

איר וווּנדערט זיך? איך האָב דערקאָנט די שפּראַך
אויף דער נאַטורס פאַרשנייטן שטערן —
אַ לעבעדיקער פּסוק פון תנ"ך:
„אם יהיו... ווייס ווי שניי זיי וועלן ווערן...".

ד

„ואני נסכתי מלכי על־ציון הר־קדשי״
(תהילים ב׳, ו׳)

סע גליט נאָכנישט די זון — צעשמעלצט זיך בלויז אין ליכט,
וואָס צערט די שאָטנס פון די פּאַלמעס, ווענט אין געסלעך;
מיט שטראַלן־וואַסער וואַשט זי אָפּ דער שטאָטס געזיכט,
ס׳זאָל ווערן אין זכרון אייביק־אומפאַרגעסלעך.

די שטיינער־ווענט, געוואַשענע אויף זויבער־ריין —
ווי קינדער ערב פּסח נאָך דער מאַמעס צוואָגן;
ווי אַ געכשרטער זעט אויס אַ יעדער שטיין
און ווי פאַרגאַנגען מיט אַ ניצוץ איז אין טראָגן...

אויף דעם הר־ציון שטייג איך ווי אויף שטראַלן־טרעפּ
און הער אַ שטומען רוף פון מלך דודס קבר.
מיין האַרץ לאָזט הערן זיך מיט סודותדיקע קלעפּ
און שטערנדלעך פון בלוט צעשיקט אין יעדן אבר.

איך קום אַרויף. אַ בנין. כ׳גיי אין אים אַריין.
דאָס ליכט טוט פּלוצעם זיך אַ לעש אין מיינע אויגן,
נאָר ס׳גייט באַלד אויף אין זיי אַ תהילימדיקע שיין,
וואָס מיניעט זיך מיט פאַרבנשפּיל פון רעגנבויגן.

אַ טיפע נישע. קראַטעס. אָט־אָ איז דאָס אָרט,
ווו ס׳רוט דער טויטער מלך און דער תהילים־דיכטער,
וואָס לעבט, און ס׳איז אַ קוואַל פאַר דורשטיקע זיין וואָרט,
אַ קלאָרער שפּיגל פאַר דערשלאָגענע געזיכטער.

ס'ע שטרעקט זיך אויס פון זיך אַליין די האַנט
צום טיש און נעמט אַ תהילימל. דאָס האַרץ נעמט נאָגן.
איך ווענד זיך מיטן פנים צו אַ שטומער וואַנט
און הער: מיר ביידע אַ קאַפּיטל תהילים זאָגן.

און שפּעטער, ווען איך קום צוריק אַרויס אין גאַס,
די לופט — מיט שטראַלן ציטעריקע דורכגעשפּונען,
מיר דאַכט: די זון אין הימל איז געוואָרן בלאַס
אַקעגן ד ע ר, וואָס שיינט אין האַרץ — אַ זון פון זונען.

תל־אביב—וואַרשע, מערץ־אַפּריל 1959

א י ן נ ג ב

אין נגב

סאָנעטן

א

ווער האָט עס פון דער ערד די הויטן אָפּגעשונדן
און זי אַנטבלויזט אַקעגן זון־אין־הימלס בראַנד?
רציחהדיק באַשאָטן אירע ווײ־און־וווּנדן
מיט בלייכן, ביז אויף אַשן אויסגעגליטן זאַמד?

„פאַר וועלכן איז געקומען מיר מיין לייב פאַרשעמען,
פון צינגער ווינטישע צו ווערן בייז פאַרצערט?
פאַר וועלכן?...״ — איז דעם אויער פיינלעך צו פאַרנעמען
די יאָמערלעכע שטים פון טיפעניש פון דרערד.

„איך ח־ל־ש...״ — לעכצסטו אין געמיט מיט איר צוזאַמען,
און ס׳וואָלט דיין אויג באַנעצט זי האַרציק מיט אַ טרער,
ווען קאָנען וואָלט אַ מענטשנס טרער פאַרלעשן פלאַמען.

„איך ח־ל־ש טוי!...״ — גייט אוים איר שטים אין מיין געהער.
נאָר אָט גרויט־אויף אין גליעניש אַ קליינער ישוב,
און דאָ, און דאָרט — באַגראָזטע ערד, ווי גרינער כישוף.

ב

וועמער בויט עס אין די וויסטענישן די ישובים?
פון זאַמדן־גלי ווער כישופט עס אַרוים דאָס גראָז?
צי שוועבן מיט די ווילדע ווינטן דאָ אויך כרובים,
וואָס שלאָגן עס: „וואַקס־וואַקס אין פלאַמיקן געבלאָז!"?

דאָס זענען יידן פון דער גאָרער וועלט געלאָפן,
ווי ס'רעגנט אָפּט... אויף זייער פנים מיט געשפּיי;
דאָ שטייען זיי מיט מוט אין הארץ, געגורט מיט וואָפן,
און בויען זיך אין אַלטן לאַנד אַ היים אויפסניי.

ס'איז זייער מי די זריעה פאַר דעם נייעם ישוב,
און ס'כישופט זייער שוויים אַרוים דעם גרינעם כישוף
פון זאַמד, וואָס טאַנצט אין ווינט־געוואָי צעשויבערט־ווילד.

באר־שבע שמייכלט מילד — דעם נגבס אַלטע מוטער —
און מורמלט שטיל: „מיין קינד, וועסט זיין אַ זון אַ גוטער..." —
כ'פאַרמאַך אַנטציקט די אויגן פאַרן צוקונפט־בילד.

ג

וואָס ווייטער, מדברדיקער ווערט די געגנט. גרויזאַם. טויט.
די טעקסי טראָגט מיך פון באר־שבע צו דעם ים דעם רויטן.
נאָר ווער האָט אויסטערליש אַזוי די בערג פון זאַמד געבויט?
די געטלעכע מחשבה שוועבט דאָ איבער טויזנט טויטן.

נישט בלויז די געטלעכע — אויך די וואָס קומט פון אַ בן־אדם:
פאַרקערפּערט אין אַ וועג פון זאַמד און שטיינער מיט אַספאַלט,
זי שלענגלט זיך אַריבער אָפּהאַנגען פון בערג — אַ פאָדעם...
זי לויפט צו דעם „מפרץ״*, וואָס ווי אַ נאָדל ווערט צעשטראַלט.

דאָס האָבן „חיילים״** מיט שוויים און בלוט פאַראייביקט... שאָט!
אָט ליגט ווי אויף דער האַנטפלאַך דאָס מיזיניקל אילת,
ישראלם יונגסטע שטאָט — איר פענצטער צו די ווייטסטע לענדער,

איר שטאָלצע וואָרענונג די פיינט פאַרביסענע און שענדער...
זי זעט נאָך אויס: אַ יונג פון מדבר ערשט, פאַרשטויבט און רוי,
ווייל ס׳האָבן נאָכנישט גראָז און בוים באַזיגט איר זאַמד און גרוי.

* מיפּראַץ — בוכטע.
** כאַיאַלים — זעלנער.

ד

נאָך קידנווייז, ווען פאַרגלייבט-פאַרוווּנדערט פלעג איך האָרכן-האָרכן
דעם „רויש פון פאַליעס" אין דעם מויערקעפּלם שטילע שאָרכן,
די אויגן פלעג איך צומאַכן און פאַלן מיט אַ מיין
אין ים: וואָס טוט זיך אויף זיין גרונט, איך האָב געוואָלט דערגיין...

וואָס טיפער כ'בין געזונקען אין דעם ימס אומגרונטיק וואַסער,
די זון אין הימל איז געוואָרן אויסגעבערענטער, בלאַסער,
דאָס וואַסער — טונקלער, שוואַרצער, ביז ווי טינט שוין שוואַרץ,
ביז ס'איז געוואָרן קויל די זון — דעם הימלס רויטע האַרץ...

•

און אַט-אַ פּאָר איך אין אַ שיף אויף דעם „מפּרץ"; איר דנאָ —
פון גלאָז, און ס'איז קיין שום מחיצה פאַרן אויג נישטאָ,
און דורכן לויטער-קלאָרן וואַסער די שוואַרצאַפּלען פאַלן

צום גרונט פון ים... ער איז באַפלאַנצט מיט וועלדער פון קאָראַלן,
און פיש, קאָלירט ווי פייגל, צווישן צווייגן שטיפן דאָרט אַרום — —
איך בין פאַרזונקען אין דעם ווונדערבילד פאַרגליווערט-שטום.

ה

„קפלה הקב״ה לארץ־ישראל והניחה תחת יעקב אבינו...״
„קפלה כפנקס ונתנה תחת ראשו...״
(חולין, צ״א)

איך שיק אַ לעצטן שמייכל צום „מפרץ״ — דעם מדברס שפּיגל.
די שטאָט געזעגנט מיך מיט דורשטנדיקן גראָז און בלאַט.
כ׳שטייג אײַן אין עראָפּלאַן. איך פּעסטיק צו צום לײַב די פליגל
און שעפּטשע: „ווער באַוואַסערט, גרין און בלימל זיך, אילת!״

איך פלי... ווי פירכטערלעך די זאַמדיק־הוילע וויסטע שפּרייט זיך!
צי קאָן געבוירן פּרוכט אַ שוים פון עקרדיקן שטיין?
נאָר כ׳פּאַכע, הייב זיך מיט די פליגל העכער... ס׳האַרץ דערפרייט זיך:
דער נגב האָט זיך אײַנגעשרומפּן, איז געוואָרן קליין...

(ווי הויך זיך אויפצוהייבן יעקב איז געווען אימשטאַנד,
אויב ווי אַ בוך צוקאָפּנס האָט געפילט ער ס׳גאַנצע לאַנד!)
און אַז באַטראַכט דעם נגב־מדבר פון אַזעלכע הייכן,

איז אים צו מאַכן פּרוכפּערדיק — אַ זאַך וואָס צו דערגרייכן!
ווײַל אַלץ באַווײַזן קאָן אַ פּאָלק, וואָס וויל אַרוים פון קלעם! —
„מײַן... האַרץ!״...* אַ ברכהדיקע טרער מיר ציטערט אויף אַ ברעם...

תל־אביב—וואַרשע, מערץ־אַפּריל 1959

* חיים נחמן ביאַליקס לעצטע ווערטער.

מרגלים אין לאַנד

סאָנעט

ווער זאָגט עס, אַז געשיכטע חזרט זיך נישט איבער?
ס'גיט יעדעס יאָר די זעלבע פּרוכט דער זעלבער שטאַם. —
אין דרויסן קושט די יונגע זון זיך מיטן ים,
און ס'וואַקסט מיין האַרץ: ווי ס'וואַקסט דאָס הויז דאָ קעגנאיבער!

צי האָט מען אָנגעקלאַפּט?... סע עפנט אויף די טיר זיך,
און ס'קומט אַריין אַן אומבאַקענטלעכער בר־נש...
„...כ'דערקאָן אים נישט? אַ וואַרשעווער „אַלע כאַדאַש"...
ער גאַרט צו וויסן ווי אַ ייד ווי איך דאָ שפּיר זיך?..."

מיט בייזער צונג ער רייסט די קליידער פונעם לאַנד
און שטעלט אַרויס עס נאַקעט־הויל צו שפּאָט און שאַנד...
איך קוק אין דרויסן צו די ים־און־הימל בלויע

און שטיק זיך: ווי סע אָווערט מיט פּאַראַט און צוואה!
און כ'טו אַ זאָג: — סע זענען מיר די רייד נישט ניי:
כ'געדענק נאָך די מרגלים... — און איך טו אַ שפּיי.

תל־אביב—וואַרשע, מערץ־אַפּריל 1959

קיבוצים ביי דער גרענעץ

סאָנעטן

„ושעשע יונק על־חר פתן...“
(ישעיה י״א, ח״)

א

אַ קיבוץ ביי דער גרענעץ איז אַ האַרץ וואָס צאַפּלט
פון זאָרג און ליבשאַפט צו דעם לאַנד, וואָס סע באַוואַכט;
ווען ס׳ווערט די חוצפה פון אַ פיינט אַרויסגעשטאַפּלט,
ס׳איז גרייט צו געבן ענטפער אויף אַ שלאַכט מיט שלאַכט.

די בונקערס וואַרטן צו באַשיצן ווייב און קינדער,
די גרובנס — אויף די מאַנצבל מיט געווער אין האַנט, —
און פאַרגעדענקט זיך עס, מלחמה־אונטערצינדער:
ס׳וועט אייער בלוט נישט אָפּוואַשן פון אייך די שאַנד!

נאָר ערשט, כל־זמן ס׳איז רויִק, אַרבעט מען אין פיבער;
זאָל שפּראָצן ווילדגראָז אויף די ליפּן פון די גריבער,
די בונקערס אויף די שלעסער זאָלן שווייגן שטרענג.

און עטל די דערציערין דערציילט אַ חלום
איר קליינוואַרג דעם פאַרגאַפטן פון אַ וועלט אין שלום,
ווען קינדער וועלן שפּילן זיך אָן שרעק מיט שלענג...

ב

אויף שטערן הייבט דער הימל אָן שוין ליכט צו בענטשן,
אַ מילדע שטילקייט אין די הייזער שלייכט אַריין;
מיט זעליקייט די שבת-רו באַהויכט די מענטשן,
און אויגן לייכטן אויף, געטובלט אין איר שיין.

און כאָטש דער עולם איז נישט היימיש מיטן פרומען גלויבן,
אייך יעדעס הויז מיט אַ „שאַבאַט שאַלאָם!" באַגריסט;
דער עסזאַל קוקט אייך אוים און בלענדט מיט אַלע שויבן,
פאַרבעט צו זאַט-געבענטשטע טישן: — קומט געניסט!

שטאָט זמירות, וועלן נאָך דער סעודה מענער, ווייבער,
שטאַרק איינגעהאָרכטע, הערן לייענען דעם שרייבער,
וואָס „מיט די פּרות פון זיין פּען מיט זיי זיך טיילט";

און עטל די דערציערין וועט גלייך אין מויל אים
פאַרגאַפט און ערנסט קוקן, ווי איר „זיסער עולם"
אין איר מויל קוקט, ווען זי אַ מעשהלע דערציילט.

תל־אביב—וואַרשע, מערץ־אַפּריל 1959

מיין לאַנד!

סאָנעט

איך גאַר אַ יעדעס ווינקעלע אין דיר באַזינגען,
ווי ס'הענטל פֿון אַ קינד דער מאַמעס הויט באַטאַפּט
און, פֿון איר וואַרעמקייט און ייִדיקייט פאַרכאַפּט,
סע נעמט גערירט מיט אַלע אבֿרימלעך שפּרינגען.

איך גאַר דו זאָלסט מיין שעפֿערישע פּרוכט פאַרשלינגען,
ווי זון פאַרשלינגט אַ צאַפּלדיקן טראָפּן טוי;
ער זעט זי ווי אַ גלאָק אין הימלדיקן בלוי
און הערט איר גאָלדן-שטראַלנדיק, צעכוואַליעט קלינגען...

(מיט שטיפמאַמעס — מיט פרעמדע היימען שיקט זיך דינגען:
„דו גיסט אַזויפיל — גיב איך דיר אַזויפיל... נו?
ווי לאַנג דען וועסטו לאָזן לעבן מיך אין רו?...")

איך גאַר, מיין קייט, זיך איינקייטלען אין דיינע רינגען,
ווייל דו ביסט תמיד — איך, און איך בין תמיד — דו.
אויב נישט אין זיך אַליין געפינען רו, איז וווּ?!

תל־אביב—וואַרשע, מערץ־אַפּריל 1959

אויפן קבר פון רחל

סאָנעט

ס׳כנרת־וואַסער שפּילט מיט פאַרבן צאַרטע
אַרויף צום שטילן קבר פון רחל.
די זון לייכט דורך זיין ערד די שטייניק־האַרטע,
און ס׳לייכטן דורך זיך די תכריכים העל.

ווי דורך אַ לויטער גלאָז איך זע זי ליגן —
נישט נאָזנדיק, נאָר צום כנרת אויף אַ זייט;
זי דרימלט, ווי סע וואָלטן זי פאַרוויגן
די צויבערפאַרבן אין צעשפּילטן בייט.

די שערבלעך פאַלן אָפּ... אין אירע אויגן
צעשימערט זיך פאַרבענקט אַ רעגנבויגן —
אַן אָפּגלאַנץ פון געליבטן שפּילנדיקן ים.

איר יעדעס אויג איז אַ כנרת־שפּיגל.
זי טוט אַ הייב די צאַרטע הענט ווי פליגל,
און צווישן זיי איר האַרץ גייט אויף — אַ פלאַם...

תל־אביב—וואַרשע, מערץ־אַפּריל 1959

חיפה

סאָנעטן

א

מיט כּישוף־פייערן באַגעגנט מיך אין אָוונט חיפה
און כּישופט מיך אַריין אין שלאָף אויף גאַנצער נאַכט אין טרוים...
אַ מוזע ברענגט אויף טאַצן כּיבוד: ווײַנען, פּירות שטייפע,
און בילדער פאַרבן זיך אויף בלויע לייוונטן אין רוים — —

...הדר הכרמל... יוגנטלעכער באַל... די אויגן פלאַמען...
און מיידלעך זינגען — יעדע אויף אַן אַנדער שפּראַך — אַ ליד.
אַך, ווי האַרמאָניש די מעלאָדיעס גיסן זיך צוזאַמען!
ווי איין־נשמהדיק סע קלינגען יידיש מיט עברית!

כ׳דערנענטער זיך און שטעל זיך פאָר: „אַ יידישער פּאָעט. —
און בעט זיי, נעמענדיק געאָרעמט — זינגט אונדז אַ דועט״.
זיי זינגען... לאָזן אוים... און כ׳טראַכט באַגייסטערט און צעחושט:

האָט ווער דאָס אויסגעטראַכט, אַז יידיש מיט עברית זיך קריגן?
איר הערט דאָך ווי זיי זינגען זאַלבענאַנד דעם שלום־ניגון!
עברית און יידיש האָבן אין געזאַנג זיך ערשט צעקושט...

ב

גאַנצפֿרי. איך שטיי אויף אַ באַלקאָן פֿון „פנורמה״ *.
פֿון אונטן שמעלצט דער ים אין זילבערדיקן בלענד.
די זון מיך האַלדזט אַרום, ווי אַ צעשטראַלטע מאַמע,
מיט לייכטנדיקע, וואַרעמע און צאַרטע הענט.

מיין האַרץ מיט ווייַנען פֿילט זיך אָן און מיט באַגערן...
צי האָט אַ שטראַל אַ שטאָך געטאָן אין אויג, אַ ברי?
די ברעמען פֿינטלען, גרייטע אויפֿצונעמען טרערן,
און פֿונעם האַרצן לויפֿט אַ ציטער אין די קני...

פֿאַרוואָס איז מיר אַזויפֿיל שיינקייטן געגעבן,
ווען אויסצודריקן זיי איז אָרעם, גרוי מיין פּען?
אָך, וואָלט דער ברודער מיינער, ברוך,** דאָס דערלעבן,

מיט זיינע דורשטנדיקע אויגן דאָס דערזען!... —
איך כליפּע... טרערן טריפֿן, טריפֿן פֿון די אויגן;
איך זע זיך ביי דעם געטאָ־דענקמאָל שטיין געבויגן...

תל־אביב—וואַרשע, מערץ־אַפּריל 1959

* האָטעל, מע זעט די פּאַנאָראַמע פֿון חיפה.
** אומגעקומען אין דער פֿאָלקס־קאַטאַסטראָפֿע.

צום אָפּלי אויף צוריק

סאָנעט

כ׳גנעזעגן דיך, מיין לאַנד, צום אָפּלי אויף צוריק.
ס׳איז מיר פאַרשטענדלעך, וואָס דו פרעגסט מיך אויפן ווונק...
איך פלי... און האַלט דיך אויף מיין צאַפּלדיקן בליק,
ווערסט קלענער, קלענער... ביסט שוין בלויז אַ בלויער פּונק.

און אַז דו זאָלסט זיך נישט פאַרלעשן, כ׳לייג אַריין
אין האַרץ דיך, ווי אַ קערנדל אין באָדנס שוים,
ס׳זאָל דאָרט צעשפּראָצן זיך דיין וואַרעמקייט און שיין
און, ווי אַ פלאַמען־סנאָפּ, זיך טאָן אַ ריס אַרויס.

כ׳געזעגן דיך נישט, לאַנד מיינס: כ׳נעם מיט זיך דיך מיט —
אַ פּונק אין בענקענדיקן האַרץ, וואָס גליט און גליט;
ווער גליט? מיין האַרץ? צי דו? מיר ביידע גליען...

כ׳וועל טריי דיך טראָגן ווי אַ פלאַם אין האַרץ ביי מיר,
אַז איך זאָל זוכה זיין צו זיין אַ פונק אין דיר,
ווען קומען כ׳וועל צו דיר אויף שטענדיק, ציון.

תל־אביב—וואַרשע, מערץ־אַפּריל 1959

זיי שרעקן מיך...

סאָנעט

זיי שרעקן מיך: דיין זופּ וועט זיין דאָרט שיטער
און בענקען, אויסקוקן אומזיסט אַן אייגל פּעטס;
וועסט כאַפּן אין אַ שוויץ־חמסין אַ ציטער, —
דו ציסט דאָך פאַרן צונג אַקעגן זיך אַ לץ!...

הלוי! קאָן איך דען מיט דיר זיך מעסטן?
אויך דיר פאַרערער האָבן אָפּגעראָטן: ניין!
דו טאָרסט נישט מיט אַזאַ נסיעה זיך באַלעסטן,
סע שטעלט דיר אין סכנה שוין דער וועג אַליין.

ווייל פאַר דיין בליק געשטאַנען איז דער היכל,
דו האָסט זיי אָפּגעענטפערט בלויז מיט שמייכל
און שטום געוואָרפן הינטער זיך דער סיר־הפּלייש.

אויך איך וועל שכל לערנען ביי מיין האַרצן.
אומזיסט! איר וועט דאָס לאַנד מיר נישט פאַרשוואַרצן:
הלוי גייט פאַר מיר פאָרויס — אַן עמוד־אש.

וואַרשע, מאַי, 1959

פלעקן אויף דער זון

סאָנעט

זיי קריכן אויף איר זונען־זעל מיט פינגער
ווי שפּינען־פּיסעלעך און טייטלען: „פלעקן" !..."
זיי ווילן אין מיין זעל צו איר דערוועקן
אַן עקל, כ׳זאָל נישט וועלן זיין איר זינגער,

און זייערע גאַזעטן — לצים־צינגער
פאַרגאַווערטע — מיט שפּאָט אַרוים זיי שטעקן;
מיט אירע זינד זיך תאווהדיק באַלעקן —
די פּאַר די פרעמדע געטשן קדוש־שפּרינגער.

איר וועט מיך, געטשנדינער, נישט דערשרעקן,
כאָטש ס׳ברענען מיך ווי ווונדן אירע פלעקן,
ווייל אויך דורך זיי מיך וואַרעמען די שטראַלן ;

זיי כוואַליען זיך אויף מיר פון אַלע עקן
און היילן מיינע ווונדן — אירע פלעקן,
וואָס ווערן אינעם שטראַלנבלענד פאַרפאַלן.

שרודבאָרוו, סעפּטעמבער 1959

אין חרם...

סאָנעט

זיי האָבן מיך אַריינגעלייגט אין חרם, ווייל
סע האָט מיר אינעם שפּיץ פון האַרץ געטראָפן
די הייליקע, די מוטערלעך-געבענטשטע פייל,
און כ׳קאָן שוין אין קיין געטאָ מער נישט שלאָפן.

די בענקשאַפט טרייבט מיך, און סע ציט די ווונד. איך אייל
צום לאַנד, ווו ס׳איז מיין רו און שלאָף אַנטלאָפן;
ווער זאָגט עס, אַז מרחקים מעסט מען לויטן מייל?
מיין זעל איז שוין אַהין צופוס דערלאָפן.

זיי האָבן... כאָטש אָן שוואַרצע ליכט, אָן שופר-בלאָז...
מיר אויפגעהאָנגען אויפן מויל אַ שוואַרצן שלאָס:
ער וואָגט גאָר ליב האָבן זיין היים!... אַ האָזע!

איך בין נישט שמשון, ס׳דינט מיר נישט ווי אים דער כעס...
נאָר מיט פאַראַכטונג כ׳טראָג דעם שלאָס, מיט שטאָלץ און האַס,
און ס׳טרייסט ביינאַכט אין חלום מיר — שפּינאָזע.

וואַרשע, סעפּטעמבער 1959

אַהיים

סאָנעט

צי קערט מען דען אַהיים זיך זעטיקן מיט מילך?
מיט האָניק לויטערן די חלה צו באַשמירן?
די היים, אַז ווי זי זאָל נישט זיין, איז גוט און בילך,
און אַלע וועגן פונעם האַרץ צו איר אונדז פירן.

די זיסטע מילך ווערט זויער אין דער דושנער פרעמד,
איר דופטנדיקסטער האָניק שמעקט מיט טויטע בינען;
אַפילו ווען זי שענקט דיר כבוד — ביסט פאַרשעמט,
זי גיט דיר האָפנונג — נאָר ווי שניי וועט זי צערינען.

די פרעמד — אין איר פאַרשטעלט זיך אין אַ טויב אַ שלאַנג,
נישט זעלטן ריזלט דיין געוויין דורך איר געזאַנג,
און גיהנום־פייער וואַרט אויף דיר אין איר גן־עדן.

ס׳איז אונדזערס: מיינס און אירס און זיינס אין דרהיים,
ווי גאָלד איז גאָלד און זילבער — זילבער, ליים איז ליים,
און לייכט איז צווישן האָס און ליבשאַפט אונטערשיידן.

וואַרשע, דעם 2־טן נאָוועמבער 1959

מיין געזעגן־ווארט צו פוילן

מיין געזעגן־וואָרט צו פוילן

סאָנעטן

א

איך פיר פון דיר מיט זיך דיין האַרבסטיק גאָלד,
דער צעלאַמט קאָן נישט, וועט עס נישט פאַרוווערן;
אויך מיינע אויגן פירן אומבאַצאָלט
פון ווייסל פריש־און־צאַפּלדיקע שטערן.

דיין אומשולד איז עס, פוילן, כ׳האָב עס האָלט,
ווי כ׳האָב די גאָרע שיינקייט דיינע גערן,
כאָטש... ס׳האָט דיין ערד זיך נישט פאַרשטאָלט,
ווען ס׳האָבן זי פאַרפלייצט מיין בלוט־און־טרערן...

(אוי, נעגל שאַרפע! גראַבלט נישט אין זעל:
די וווּנדן זענען אַלץ נאָך נישט פאַרצויגן;
די טרערן קייקלען זיך נישט צו די אויגן:

פאַרגלעזערטע, צעקרעלן זיי מיין זעל...)
זיי העפלעך מוחל מיין דיגרעסיע, פוילן!
דיין האַרבסטיק גאָלד פאַרבלענדט נישט מיינע גרוילן.

ב

ס'איז פול מיין האַרץ צו דיינע גרויסע זין מיט דרך־ארץ
און צו דיין זעער, וואָס מיט ליבשאַפט האָט זיין האַרץ געקוועלט,
ווי ס'פלאַטערט אין מיין זעל דער פלאַם פון יצחק לייבוש פרץ
און איך געזעגן זיך מיט בענקשאַפט־ווײ מיט זיין „געצעלט".

איך פרעג דיך נישט די האַרבע קשיה, וואַרט נישט אויף קיין תירוץ:
„פאַרוואָס האָט גראָד אין דיר דער פיינט געשטעלט זיין עשאַפאָט?..." —
ס'האָט יעדע זון איר פלעק, און יעדעם פאָלק — איר טמא שרץ,
וואָס שפייט אים אין געזיכט און מאַכט צו שאַנד פאַר לייט און גאָט, —

איך צייל דערפאַר נישט די „שמאַלצאָווניקעס" * — די שרצים דיינע;
איך ווייס, אַז דו אַליין זײַ שטעלסט אַרויס, פאַרשעמט, די טענה:
„פאַרוואָס? פאַר וועלכע זינד האָט איר דאָס ברודער־פאָלק געשענדט?

דאָס האָט די שאַנד פון פאָטערלאַנד אייך פול געמאַכט דעם טייסטער..."
איך פיל אויף זיך דאָס פלאַטערן פון דיינע איידלע גייסטער,
וואָס שטרעקן אויס מיר צום געזעגענען די בלאַסע הענט.

* שאַנטאַזשיסטן — פאַר דער צייט פון די נאַציס.

ג

כ׳געזעגן דיך, פּוילן, ווי ס׳געזעגנט אַ פריינט:
זאָל רוען דער גייסט פון דיין זעער אויף דיר;
דיין יעדער „שמאַלצאָווניק" — דיין ביטערסטער פיינט,
זאָל שפּירן: אים לייטערט דיין נביאס באַריר...

דו זאָלסט זיך דערמאָנען דיין פינצטערע צייט,
ווען יאַנקל דער צימבלער פאַר דיר האָט געשפּילט
דיין ליכטיקע צוקונפט, וואָס איז שוין נישט ווייט,
און דו האָסט דערפרייט און געטרייסט זיך דערפילט.

ביסט פריי! ס׳איז מקויים געוואָרן דיין טרייסט.
נאָר ווו איז איצט יאַנקלס געטרייע געביין?
צי איז אויף זיין קבר געבליבן דער שטיין?

צי לעבט ווו אַן אייניקל זיינס כאָטש? ווער ווייסט?!... —
מיר ענטפערט דיין האַרבסטיקער ווינט מיט געוויין,
דיין רעגן גיסט טרערן און הערט נישט אויף גיין...

ד

דו פרעגסט: „פאַרוואָס גענעגנסטו זיך אָן אַ שמייכל?

די אויגן — ווי געוועבט פון אַש, אָן מינדסטן גלאַנץ?״ —

דיין רוים און באָדן זענען דאָך אַ מתים־היכל

פון מיינע ברידער — זעקס מיליאָן, אַ פאָלק אַ גאַנץ!

„איז ווי פאַרלאָזט מען עס דעם היכל?״. כ׳הער אַ שעפּטשען,

וואָס שוימט צו מיר פון אַלע ווינקלען פּויליש לאַנד:

„ווי לאַנג נאָך וועסטו אויפן ברידער־אַש דאָ דעפּטשען,

נישט ווערנדיק אַליין פאַרברענט אויף אַש פון שאַנד?...

דיין טרער?... דיין קדיש?... ניין, נישט דאָס דעם פאָלק איז נייטיק,

צו די וואָס לעבן גיי, געלייטערט דורך דיין ווייטיק,

מיט זיי צוזאַמען בוי די אויסגעבענקטע היים...״ —

געזעגן איך דיר, פּוילן: זיי באַהאַרצט געזעגנט — —

דיין יעשיען שיט מיט גאָלד, מיט גאָלד און רעגנט, רעגנט...

אַ ברכה־רעגן ווינטשט מיין האַרץ דיר שטיל־געהיים.

ה

זיי זיצן, די שמאַלצאָווניקעס, נאָך היינט אין דיר, ווי קרעץ,
און פרעסן דיך און זויפן אויס די רעשטלעך יידיש בלוט;
זיי ווילן מיטן טייוולס כּוחות דוחק זיין דעם קץ...
און ס׳ברענט פאַר שאַנד דיין איידל פּנים ווי אין שקיעה־גלוט.

„שמאַלצאָווניקעס" צי „צעלניקעס" — ווי ענלעך ס׳איז דער קלאַנג!
זיי זיצן ציניש אויף דיין שוועל און לויערן אויף רויב;
ווי נאָר אַזעלכער עפּנט ס׳מויל, דערשפּירט זיך אַ געשטאַנק
פון ספּירט און שנאה און פאַר היטלערן געהיימע לויב...

איך ווינטש דיר, פּוילן, האַרציק, איבערטרעטנדיק דיין שוועל,
אַז שיינען זאָל דיין זון, באַפרייט פון פלעקן, לויטער־העל; —
און אויב פון מיינע ברידער וועט פאַרבלייבן ווער ביי דיר,

ווי קליין דאָס רעשטל זאָל נישט זיין — דו זיי פאַר זיי אַ נעסט,
פון זיי אַליין געבויט, און נישט קיין הויז קיין פרעמדס פאַר געסט;
היט אָפּ אַ לעצטן יידן אַלס אַ יידן... שוין אים ווי אַ ציר.

ו

ס'האָט טויזנט יאָר מיין פאָלק אין דיר געאָטעמט און געשאַפן
און פרייד און לייד, דערהויבונג און דערנידערונג געהאַט;
האָט ווער געהאָפט שוין: דו וועסט ווערן פאַר מיין פאָלק אַ האַפן,
אין דיין געשיכטע וועסט פאַרשרייבן זיין גאולה-בלאַט...

ביז אויף דיין ערד געקומען איז פון פלאַם-און-בלוט דער גולם
און האָט אויף קברים זי צעגראָבן — ווײ! — פון ראַנד צו ראַנד...
ביסט, ליכטיק פוילן, היינט מיין פאָלקס פאַרחושכסטער בית-עולם;
פון אים בלענדט בלויז די יידישע נקמהדיקע האַנט...

און ווי סע פלעגן צו דער כותל-המערבי קומען
די ברידער מיינע האָרכן ווי די שכינה-טויבן ברומען,
זיי וועלן קומען אויך צום געטאָ-דענקמאָל אין דער שטאָט,

וואָס ווי אַ פעניקס האָט זיך אויפגעשטעלט צוריק פון אירע אַשן...
איך ווינטש דיר, זאָלסט די וועלט נאָך מיט דיין געניוש איבערראַשן,
און רוען זאָל אויף אים דעם הימלס און דער ערדס גענאָד.

וואַרשע נאָוועמבער 1959

אַן עולה־חדש

סאָנעט

אַז אין דער מאַמעס ברוסט די מילך איז קנאַפּ און שיטער,
צי וועט דאָס קינד דאָס פּיסקל פון די וואָרצלען רייסן?
ס'וועט פּישטשען בלויז און מיט די שוואַכע יאַסלעס בייסן;
דער מאַמעס האַרץ וועט טאָן פון זיסן ווײ אַ ציטער...

די מאַמע מיטן קינד — באַהאַפטן ווי אַ צווילינג;
דער מאַמעס, צי דעם קינדס — ס'איז וועמעס ווייטיק טיפער?
די מאַמע שמייכלט: אוי, איז דאָס אַ ווילדער שטיפער!
און ס'קינד, אין בלינדן ווייסן, שפּירט שוין די דערפילונג...

אויב ס'איז דער עולה נאָר אַ קינד, דאָס לאַנד — זיין מוטער,
לעם אירע ווייכע ברוסטן, ווי אַ צווייגל, רוט ער,
אַפילו ווען מיט זאַפטן קאַרגע זיי אים נערן;

דאָס לאַנד מיט צער אין שמייכל דריקט אים צו צום האַרצן:
אַז וויפל ס'זאָלן די יסורים דיך נישט שוואַרצן,
דורך דיינע אויגן בליאַסקען מיינע שאַרפע שטערן...

תל־אביב, דעם 31־טן יאַנואַר 1960

צו אַ פריינד אין פוילן

סאנעטן

א

איך ווייס: סע שטייט ביי דיר אין האַרץ דער טעמפּל,
וואָס ס'האָבן אים פאַראומריינט טמא הענט;
סע ברענט אין אים דיין זעלע, ווי אַ לעמפּל —
דו קוקסט דערויף, ווי וואָלסט עס נישט דערקענט...

דער ווינט פון היימלאַנד וואָלט פאַרווישט פון גלעזל
דעם מינדסטן ריס, און וואָלסט אין שיין דערזען:
אין נ ג ב פון דיין זעל שפּראָצט אויף אַ גרעזל...
אַ נס איז דיר, ווי אונדזער לאַנד, געשען!

נאָר איינגעוויקלט ביסט אין שטעכל־דראָטן,
דו קאָנסט נישט, ווי אַ פיש פון נעץ, אַרויס
און צאַפּלסט זיך צעווישן שיין און שאָטן.

ווי איובס, דיינע ווייען זענען גרויס,
נאָר זאָג נישט: „שוין... דער קבר איז פאַרשאָטן...",
כּל־זמן דער לעצטער פונק האָט נישט פאַראָטן...

תל־אביב, פעברואר 1960

ב

האָסט אָפּגעפּילט אין האַרץ אַ גאָט אַ שיינעם, —
אַ געטש געשאַפן זיך אין זיין געשטאַלט
און טריי געדינט מיט פרייד און מיט געוויין אים,
ווייל דורך זיין בליק דיין גאָט האָט זיך געשטראַלט.

דו האָסט געזען אים שטראַלנדיק פון דרויסן,
און אויף די קני געשטעלט זיך פאַר דעם ריז — —
די צייט האָט אים צעוואַלגערט און צעשטויסן,
נאָר קלאַמערסט אַלץ אַרום נאָך זיינע פיס...

פון עלנט זיין, אָן גאָט, דו ביסט ווי שיכור
און רייסט נישט אָפּ דעם בליק פון זיינע שטיקער,
און קוקסטו אויפן הימל — איז ער שוואַרץ...

אָ, ברודער! שוואַרץ איז בלויז אין דיינע אויגן,
וואָס טרערן־כמאַרעס האָבן זיי פאַרצויגן — —
דיין גאָט, ער לעבט דאָך! קוק צו זיך אין האַרץ...

תל־אביב. אויגוסט, 1960

אויף מיין ערשטן פורים־קאַרנאַוואַל

סאָנעט

דער גאַנצער צוג — מיט בונטע מאַסקעס פאַרמאַסקירט,
נאָר אָפן — דאָס צעשטראַלטע פּנים פון דער פרייד;
אויף מיין צעפּאַליעט בלוט זיך וויגט מיין האַרץ געריירט:
כ׳וועל מיטן האַרץ פון פאָלק נישט זיין שוין מער צעשיידט!

דער כביש — אַ ווייכער בלומען־טעפּעך; סע מאַרשירט
די יוגנט. און מיט פונקען זיי מיין בליק באַגלייט...
די הייסע ברעמען מיינע ווער האָט עס באַצירט
מיט טוי, וואָס ציטערט אויף דער זון צעשפּילטערהייט?

סע קוקט אויף מיר אַ פרוי. כ׳פאַרשאַף איר נישט קיין לייד.
זי טראַכט: „און דער האָט גאָר אַזוי זיך פאַרגרימירט
מיט טרערן. נאָר... אַ טרער פאַרגייט, און פרייד באַשטייט״.

זי שמייכלט... שוועסטער, גלייב: איך זע ערשט ווי מע פירט
די שילער מיינע צו פאַרברענען לעבעדיקערהייט — — —
מיין אַלטער טרויער שאָטנט אין מיין יונגער פרייד.

תל־אביב, 1960

ווערק פון ל. אָליצקי

1. אין אַן אָקופּירטן שטעטל — דערציילונג
פאַרלאַג „קולטור־ליגע", װאַרשע, 1924

2. אין שיין פון פלאַמען — נאָוועלן
פאַרלאַג „ב. קלעצקין", ווילנע־וואַרשע, 1927

3. משלים פאַר קליין און גרויס
פאַרלאַג „קולטור־ליגע", װאַרשע, 1929

4. געראַנגל — ראָמאַן אין 2 בענדער
פאַרלאַג „קולטור־ליגע", װאַרשע, 1932

5. דער זון אַנטקעגן — דערציילונגען (אילוסטרירט)
פאַרלאַג „ציש"אָ", וואַרשע, 1933

6. הונטמאַן — ראָמאַן (2 אויפלאַגעס)
פאַרלאַג „קולטור־ליגע", װאַרשע, 1937

7. דער מענטש וועט גוט זיין — משלים
פאַרלאַג „דאָס נייע לעבן", לאָדזש, 1947

8. דורך טויט צום לעבן — דערציילונג
פאַרלאַג „איקוף", בוענאָס־איירעס, 1949

9. משלים־בוך
פאַרלאַג „יידיש בוך", לאָדזש, 1949

10. מענטשן אין קלעם — דערציילונג
פאַרלאַג „יידיש בוך", וואַרשע, 1951

11. מיטן פנים צו דער זון — משלים און לידער
פאַרלאַג „יידיש בוך", וואַרשע, 1950

12. אָפּקליב — ראָמאַן
פאַרלאַג „יידיש בוך", וואַרשע, 1953

13. דאָדיע קאָוואַל — ראָמאַן אין 3 בענדער
פאַרלאַג „יידיש בוך", וואַרשע, 1955

14. זאָגט די וועלט אַ משל — משלים
פאַרלאַג „יידיש בוך", וואַרשע, 1956

15. פאָלקסטימלעכע באַלאַדן; פון דער העברעישער דיכטונג
פאַרלאַג „יידיש בוך", וואַרשע, 1957

16. מענטשן פון מיין שטעטל — דערציילונגען
פאַרלאַג „יידיש בוך", וואַרשע, 1959

איבערזעצונגען

17. ציגיינער — דראַמאַטישע פּאָעמע פון א. פּושקין
פאַרלאַג „נידערשלעזיע", ווראָצלאַוו, 1949

18. ווייט פון מאָסקווע — ראָמאַן פון וו. אַזשאַיעוו
פאַרלאַג „יידיש בוך", וואַרשע, 52—1951

19. פון קרילאָווס משלים
פאַרלאַג „יידיש בוך", וואַרשע, 1957

20. פאַן יאָוויאַלסקי (די משלים און שפּריכווערטער) — קאָמעדיע פון א. פרעדראָ
פאַרלאַג „יידיש בוך", וואַרשע, 1950

21. דער וועג פון חבר בידע — ראָמאַן פון איגאָר נעווערלי
פאַרלאַג „יידיש בוך", וואַרשע, 1953

32. טווים פאַר קינדער
פאַרלאַג „יידיש בוך", וואַרשע, 1954

23. מיצקעוויטש, פּאָעזיע
פאַרלאַג „יידיש בוך", וואַרשע, 1954

זאַמלונגען

24. דימענטן פאַר אַלע — משלים
„מלוכה־פאַרלאַג פאַר שול־אויסגאַבן", וואַרשע, 1951

25. אייביקע קוואַלן — פאָלקס־שאַפונג
„מלוכה־פאַרלאַג פאַר שול־אויסגאַבן", וואַרשע, 1953

26. טריט ביי טריט — כרעסטאָמאַטיע פאַרן ערשטן שול־יאָר
„מלוכה־פאַרלאַג פאַר שול־אויסגאַבן", וואַרשע, 1951

אין פאַרלאַג י. ל. פרץ זענען ביז היינט דערשינען פאָלגנדיקע ביכער:

אין יידיש:

י. זרבבל	בלעטער פון אַ לעבן (באַנד 1)
י. זרבבל	בלעטער פון אַ לעבן (באַנד 2)
מענדל מאַן	נאַכט איבער גלושינאַ
אברהם סוצקעווער	אין מדבר סיני
ישראל טאַבאַקמאַן	מיינע איבערלעבונגען
ש. בערלינסקי	בילדער און דערציילונגען
י. פּאַפּיערניקאָוו	היימישע און נאָענטע
מענדל מאַן	ביי דער ווייסל
ק. צעטניק	דאָס הויז פון די ליאַלקעס
יוסף בירשטיין	אויף שמאָלע טראָטואַרן (ראָמאַן פון קבוץ־לעבן)
מלך נוי (ניישטאַט)	דאָס ערשטע און צענטע יאָר מדינת ישראל
מאַטעס דייטש	צום נאָענטסטן שטערן — יידיש
יצחק לעוו	אין גערענגל (געקליבענע שריפטן)
מרדכי יפה	צען ישראל־דיכטער
יצחק פּאַנער	שלום אַש אין זיין לעצטער היים
פרץ גראַנאַטשטיין	מענטשן פון נעכטן
יחיאל האָפּער	אַ הויף אויף פּאָקאָרנע (באַנד 1)
יחיאל האָפּער	אַ הויף אויף פּאָקאָרנע (באַנד 2)
ה. ליוויק	אויף צאַרישער קאַטאָרגע
נחמן דרוזדוב	אחד העם
עזרא קאָרמאַן	צייכנס און צירופים
רבקה באַסמאַן	טויבן ביים ברונעם (לידער)
י. צ. שאַרגעל	פון וויי און גלויבן
דוד זאַקאַליק	גערענגל
א. קאַרפּינאָוויטש	דער וועג קיין סדום
א. ריוועס	מיט דער שיף „טשיטשערין"
יוסף כרמל	אַ רייזע צו פאַרשטויסענע ברידער
מ. בערלאַנד	300 שעות בגיטו הדועך
מרדכי אורן	דער פּראַגער אַרעסטאַנט דערציילט (באַנד 1)
מרדכי אורן	דער פּראַגער אַרעסטאַנט דערציילט (באַנד 2)
יחיאל האָפּער	ר' זלמן
הערש מענדל	זכרונות פון אַ יידישן רעוואָלוציאָנער
נ. ניר־ראַפּאַלקעס	ערשטע יאָרן
י. זינגער	דראַמאַטישע שריפטן
דוד פלאַקסער	אידעישע שלימותן און האַלבע אמתן

ש. וואַרזאַגער	ברויט (ראָמאַן)
בעריש וויינשטיין	אין דוד המלכס גיטער (פּאָעמע)
לוי פּאַפּיערניקאָוו	אין דער נייער היים
אברהם ליס	היים און דויער
ד״ר חיים שאָשקעס	מיט יידן צווישן אינדיאַנער, נעגער און אַראַבער
מ. וויסמאַן	אַ האַלבער יאָרהונדערט אין אַמעריקע
פּ. גאָרעליק	פון די מלינער וועלטן (נאָוועלע)
י. בראָנשטיין	אינאיינעם און באַזונדער (עסייען)
פּ. בערמאַן	אָפענע פענצטער (לידער)
א. וואָלף־יאַסני	די געשיכטע פון יידן אין לאָדזש אין די יאָרן פון דער דייטשער יידן־אויסראָטונג
אריה שמרי	די פונקען פון תיקון — פּאָעמע
א. סוצקעווער	אָאַזיס
אירג. יוצאי בורשצ׳יב	ספר באָרשטשיוו
מנור א.	40 יאָר הסתדרות
ד״ר מ. דוואָרזשעצקי	אייראָפּע אָן קינדער

אין עברית:

יוסף רוזן	כתבים נבחרים
אפרים שרייער	אמנות ותיאטרון
י. לשצינסקי	הדמות הלאומית של יהדות הגולה
יעקב פאט	שיחות עם סופרים יהודיים
מ. ברלנד	300 שעות בגיטו הדועך
יהושע גלבוע	על חרבות התרבות היהודית בברית־המועצות
נ. חנין	ברלה
י. זרבבל	עלי חיים
אפרים אויערבך	קריה לבנה — ווייסע שטאָט (עברית־יידיש)
א. אלמי	בין סיני לאולימפוס